קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה וסיפורי קודש
מאת כבוד קדושת מרן
**רבינו אברהם מנחם מענדל וואגשאהל** זי"ע
**אדמו"ר משינאווא**

## ויקרא – זכור
## פורים

גליון ל"ב - שנת תשפ"ד לפ"ק

• **אידיש** •

יו"ל ע"י

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
**שינאווא**

כל הזכויות שמורות

בס"ד

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שינאווא

מי שיש לו איזה הערות או הארות
נא לפנות אל המכון

יכולין להשאיר הודעה על הטעל. 845.459.5954

או לשלוח ע"י אימעיל
mechonshinova@gmail.com

**לקבלת הקונטרס מידי שבוע**
**נא לשלוח אימעיל עם הבקשה**
**MechonShinova@gmail.com**

## וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר:

**א)** רש"י שטעלט זיך אויפן כפל הלשון 'ויקרא' און 'וידבר', זאגט רש"י: **"קריאה לשון חבה וכו' אבל לנביאי האומות העולם נגלה עליהן בלשון עראי וטומאה שנאמר ויקר אלקים אל בלעם"** - דער אייבערשטער האט גערופן משה רבינו מיט א 'לשון חיבה', נישט ווי ביי בלעם וואס עס איז געווען באופן עראי וטומאה. דארף מען פארשטיין, וואס ליגט עפעס אזא חיבה אין דעם ענין פון 'קריאה'?

**ב)** אויך דארף מען פארשטיין, פארוואס זאגט ער נישט באלד **ווער** עס האט גערופן? ער וואלט געדארפט זאגן: "ויקרא **ה'** אל משה וידבר אליו"?

**ג)** ויקרא שטייט מיט אן 'אלף זעירא'. שטייט אויף דעם אין אסאך מפרשים (רא"ש עה"ת, ועוד), אז דאס ווייזט אויף די עניוות פון משה רבינו, אז ער האט געוואלט שרייבן 'ויקר' - בלשון מקרה. אנדערע זאגן (מנחת שי, ועוד) אז דער אלף זעירא גייט ארויף אויף די שכינה, אז די שכינה האט אים גערופן. דארף מען פארשטיין, וויאזוי מען שטעלט צוזאם די ביידע ענינים?

**ד)** רש"י זאגט ווייטער: **"יכול שמעו את קול הקריאה תלמוד לומר 'קול לו קול אליו', משה שמע וכל ישראל לא שמעו"** - ווייל עס שטייט 'אליו' און נישט 'לו', איז געדרינגען אז נאר משה האט געהערט און נישט אלע אידן. מוטשען זיך אלע מפרשים אויף רש"י מסביר צו זיין וואס איז דער חילוק צווישן 'לו' און 'אליו'?

**ה)** דער מדרש (ויק"ר א, א) שטעלט דא צו דעם פסוק אין תהלים (קג, כ): **"בָּרְכוּ ה' מַלְאָכָיו גִּבֹּרֵי כֹחַ וגו' בָּרְכוּ ה' כָּל צְבָאָיו"**, און דער מדרש איז מדייק, פארוואס ביי 'מלאכיו' שטייט נישט 'כל', און ביי 'צבאיו' שטייט **יא** 'כל צבאיו'. ענטפערט דער מדרש: **"עליונים על ידי שהן יכולין לעמוד בתפקידיו של הקדוש ב"ה, נאמרו ברכו ה' כל צבאיו, אבל תחתונים על ידי שאינן יכולין לעמוד בתפקידיו של הקדוש ברוך הוא, לכך נאמר ברכו ה' מלאכיו ולא כל מלאכיו"** - 'צבאיו' גייט ארויף אויף די עולמות העליונים, וואס זיי קענען אויספירן זייער תפקיד **בשלימות**, דערפאר שטייט ביי זיי 'כל צבאיו',

אבער 'מלאכיו' גייט ארויף אויף די **אונטערשטע ברואים**, וואס זיי קענען נישט אויספירן בשלימות, דערפאר שטייט נישט ביי זיי 'כל מלאכיו'. דארף מען פארשטיין, דעם שייכות צו אונזער פרשה?

**ו)** די פריערדיגע פרשה ענדיגט זיך: "**וְלֹא יָכֹל מֹשֶׁה לָבוֹא אֶל אֹהֶל מוֹעֵד כִּי שָׁכַן עָלָיו הֶעָנָן**" - משה רבינו האט נישט געקענט אריינגיין אינעם אהל מועד, ווייל דער וואלקן פון השראת השכינה האט גערוהט דערויף. לכאורה דארף מען פארשטיין פשט דערין, משה רבינו איז דאך געווען דריי מאל פערציג טעג אין הימל. נו, פארוואס האט ער דא נישט געקענט אריינגיין אינעם וואלקן פון השראת השכינה?

**ז)** מען האט געליינט פרשת זכור: "**זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק וגו' אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ**". זאגט רש"י: "**לשון מקרה. דבר אחר לשון קרי וטומאה**". בפשטות, לויטן ערשטן פשט ליגט נישט דא קיין שום שלעכטע כונה, נאר די תורה פארציילט סתם, אז עמלק האט אנגעטראפן דעם כלל ישראל אונטערוועגנס. ווידער, לויטן צווייטן פשט, שטייט דא אז עמלק האט זיי מטמא געווען ר"ל, וואס דאס איז שוין עק וועלט. דארף מען פארשטיין, ווי שפרינגט רש"י אזא מרחק צווישן אזעלכע צוויי פשטים?

**ח)** די גמרא זאגט (מגילה ל.): "**לא תיקדום עשיה לזכירה**" - מען ליינט די פרשה פון 'זכור' **פאר** פורים, כדי די 'זכירה' פון פרשת זכור זאל זיין פאר די 'עשיה' פון פורים, און נישט פארקערט. דארף מען פארשטיין, וואס איז דער ענין דוקא פון **דעם** סדר? און וואס האט דאס מיט 'מחית עמלק'?

**ט)** אויך איז דער לשון פון 'הקדים זכירה לעשיה' זייער ענליך צום לשון וואס די גמרא (יומא ד:) זאגט אויף 'ויקרא אל משה וידבר': "הקדים קריאה לדיבור". דארף מען פארשטיין דעם שייכות צווישן די צוויי ענינים פון 'הקדמות'?

**צו טון א מצוה ווי עס דארף צו זיין – איז זייער שווער**

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. דער אייבערשטער האט דאך אונז געגעבן א תורה און מצוות וואס יעדער איד דארף מקיים זיין. אבער נישט יעדער איז טאקע זוכה מקיים צו זיין יעדע מצוה **בפועל**, ווייל א מענטש איז נישט אינגאנצן בעל הבית אויף דער 'פעולה'; ווי דער חובת הלבבות שרייבט (שער הבטחון פרק ד, החלק הרביעי). און אפילו ווען ער איז שוין יא זוכה צו טון א מצוה בפועל, איז דאך אבער זייער שווער עס צו טון ווי עס דארף צו זיין. ווייל עס איז דאך דא א יצר הרע וואס ער פארטעמפט דאס הארץ, אז בשעת **קיום המצוה** זאל מען נישט געדענקען פאר וועמען מען טוט די מצוה, און מען זאל עס נישט טון מיטן ריכטיגן אהבת ה' ווי עס דארף צו זיין.

**די עצה: הכנה צו דער מצוה**

**אבער** אויף דעם איז דא א געוואלדיגע עצה פון 'הכנה', וואס א מענטש גרייט זיך **צו** צו א מצוה. דאס הייסט, איידער ער טוט א מצוה טראכט ער אריין מיט א תשוקה: "אה, איך גיי מקיים זיין מצוות הבורא! מען גייט ליינען די מגילה! איך גיי מקיים זיין די מצוות היום פון פורים! איך גיי עסן א כזית מצה!". און אזוי אויך טראכט ער מיט א תשוקה, אז ער וויל מקיים זיין די מצוה מיט אן ערנסטקייט און א ריינקייט לשם שמים. און דורכדעם וואס ער מאכט א הכנה צו דער מצוה, וועט די 'עשיית המצוה' באקומען אן אנדערן פנים! עס וועט שוין געטון ווערן מיט א גרויסן אופן; ווי דער קדושת לוי זאגט (מסכת אבות ד"ה מה שאומרים בשמו"ע) אויף דער גמרא (שבת קיח:): "אלמלא שמרו ישראל שתי שבתות מיד היו נגאלין", אז דער ערשטער שבת דארף מען אלס **הכנה** צום צווייטן שבת! און איינמאל מען היט דעם צווייטן שבת מיט א הכנה פונעם ערשטן שבת, איז שוין דא גענוג זכותים צו ווערן אויסגעלייזט. זעט מען פון דעם, די גרויסקייט פון 'הכנה' צו א מצוה.



**'הרהורי מצוה' זענען גרעסער ווי די מצוה**

**מען** קען זאגן נאכמער, אז **הכנה** למצוה איז נישט בלויז אן עצה צו טון די מצוה בעסער, נאר איינמאל א מענטש האט געמאכט א הכנה, איז שוין נישט קיין נפקא מינה וויאזוי עס וועט זיך למעשה אויסשטעלן! ווייל **אין דער 'הכנה גופא' ליגט שוין דער גאנצער חלק**

**פון דער מצוה** - וואס דער איד מצדו קען צושטעלן; ווי מען זעט פונעם חובת הלבבות (הנ"ל). און אזוי קען מען אויך ארויסנעמען פון דאס וואס די גמרא זאגט (יומא כט.): "הרהורי עברה קשו מעבירה" - א מענטש וואס ער דרייט זיך ארום חלילה מיט מחשבות און תשוקות צו טון אן עבירה, איז דאס נאך ערגער ווי דאס עצם טון די עבירה רח"ל. נו דער כלל איז דאך (יומא עו.): "מרובה מדה טובה ממדת הפורענות", ממילא, אויב ביי עבירה איז 'הרהור' אזוי געפערליך, אז עס איז גרעסער ווי די עבירה גופא, איז דאך אודאי אז ביי א מצוה, איז 'הרהור' - וואס א איד טראכט פריער מיט א תשוקה, אז ער וויל גיין טון די מצוה - איז עס דאך זיכער מורא'דיג גרויס! און איז פי כמה גרעסער ווי דער מצוה גופא!

#### דער בעל גאוה קען נישט מאכן קיין הכנה – ווייל ער האלט אז ער איז שוין גרייט

**כדי** צו מאכן א הכנה צו א מצוה, מוז מען זיין בענוה; ווי מען זעט פון רש"י אין פרשת וירא (בראשית כב, א): **"הנני - כך היא ענייתם של חסידים לשון ענוה הוא ולשון זימון"** - 'ענוה' גייט צוזאמען מיט 'זימון'. ווייל אויב א איד איז גרויס ביי זיך, און ער האלט אז ער איז ראוי צו דער מצוה און ער איז גרייט דערצו - האט ער דאך נישט קיין תשוקה דערצו! ער שפירט דאך אז עס קומט זיך אים אלע קדושות אין דער וועלט! נאר דוקא דער וואס האלט זיך קליין, און ער שפירט אז ער איז נישט גרייט דערצו, ער האט נישט קיין שום הארץ און קיין שום מח - דער מענטש האט אן אמת'ע תשוקה און הכנה צו די מצוה! קומט אויס, אז דוקא דאס וואס א איד איז ביי זיך צובראכן, און ער שפירט אז ער איז נישט גרייט צו די מצוה - דאס גופא מאכט אים גרייט!

#### עס איז אויך פארהאן א 'הכנה מלעילא'

**פונקט** ווי עס איז פארהאן א הכנה וואס א מענטש מאכט מיט זיינע כוחות וויפיל ער קען, איז אויך פארהאן אן 'אתערותא דלעילא', וואס מען גרייט אן א מענטש פון אויבן, און מען גיבט אים אריין א קדושה איידער עס קומט שבת אדער יום טוב וכדומה; ווי דער נועם אלימלך שרייבט (בשלח ד"ה ויאמר ה'): "שכל מי שעובד עבודתו לשמים וכוונתו לטוב כל ימי השבוע בכל מה שעוסק או לומד אז בהיר הוא בשחקים **ביום בא יום הששי נתלהב בקרבו אז**

**הבהירות של יום השבת הבא אף שלא עשה עדיין הכנת יום** רק המעשה של ימי החול ברכו וקדשו ברמ"ח אבריו ושס"ה גידיו להרגיש את יום השבת קודש מיד בהתקרבו ביום השישי בבוקר ונמצא זה הדבר סימן טוב על ימי החול ההוא אם היו בקדושה ואם היתה עשייתו נוח לשמים ונוח לבריות כשבא בוקר יום הששי מרגיש קדושת שבת טרם בואו" - דער אייבערשטער גיבט אריין אין אן ערליכן איד א התלהבות צום שבת, נאך איידער דער מענטש האט אפילו אליינס געמאכט א הכנה צום שבת.

#### די שפלות גופא – ברענגט אריין די קדושה פון דער מצוה

**עס** קען זיין, אז די 'הכנה מלעילא', איז א מענטש זוכה דורך זיין ענוה ושפלות; ווי מען זאגט נאך דעם באקאנטן משל פון צדיקים, אז אויב א קינד וויל נישט גיין אין חדר אריין, דעמאלט קומט דער רבי צום קינד, ואכמ"ל. און לענייננו איז דער נמשל, אז אויב א איד שפירט ביי זיך א צובראכנקייט פארן טון א מצוה און ער קען זיך נישט אויפהייבן, ער וואלט אזוי שטארק געוואלט צוגיין צו דער מצוה מיט א שענער פנים! ער וואלט אזוי שטארק געוואלט האבן עפעס א שטיקל הארץ צו די הייליגע טעג פון פורים און פסח, און עס טוט אים וויי פארוואס ער איז אזוי פארטעמפט - מיט דעם גופא איז ער גורם אז דער רבי קומט צום קינד, דאס הייסט, דער אייבערשטער קומט צו אים! ווי עס שטייט (סוטה ה.): "אני שוכן את דכא" - דער אייבערשטער כביכול לאזט זיך אראפ צו דעם צובראכענעם איד, ער קומט אריין אין דעם אידישן הארץ - וואס איז נעבעך אזא 'לב נשבר ונדכה', און דארט אין דעם קרעכץ, אין דעם תשוקה פון דעם איד, קומט אריין דער אור פון דער מצוה; ווי דער קדושת לוי שרייבט (פרשת ויצא ד"ה אנכי): "**הכוסף והתלהבות והכנת המחשבה, בונה בית להשראת הקדושה של המצוה**" - דורך דער תשוקה און הכנה פונעם איד, דוקא דורכדעם איז ער גאר זוכה צו דער קדושה פון דער מצוה.



#### עמלק ציטערט פון 'הכנה למצוה'

**מען** קען אפשר זאגן, אז די גאנצע מלחמה וואס מען פירט קעגן עמלק, איז דורכדעם וואס מען מאכט א **הכנה** צו א מצוה. ווייל מיט דער מצוה **גופא** קען זיך עמלק אן עצה געבן! דארט קען ער האבן א שליטה אויף דער קורצער צייט - ווילאנג עס נעמט אפצוטון

די מצוה - אז דער מענטש זאל דעמאלט נישט האבן קיין הארץ און קיין קאפ, און די גאנצע מצוה זאל צוגיין אויף אן עראי'דיגן און מקרה'דיגן אופן, וואס דעמאלט פעלט דאך די חשיבות פון דער מצוה. אבער אויף דער הכנה האט ער נישט אזא שליטה, ווייל דארט קען מען זיך צוגרייטן א לענגערע צייט פון פריער, אזוי אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין אויף יצר הרע, און זיך מכין זיין מיט די ריכטיגע הכנה צו דער מצוה. און איינמאל א איד האט זיך גוט צוגעגרייט צו דער מצוה, ווערט ער שוין בדרך כלל קענען טון די מצוה ווי עס דארף צו זיין. און אפילו אויב נישט - האט ער דאך אבער געהאט א גוטע הכנה, וואס דארט ליגט דער עיקר קדושה פון דער מצוה. קומט אויס, אז עמלק קען נישט אויסהאלטן קיין הכנה, ווייל דורך הכנה ברעכט ער אינגאנצן אונטער! ער ווערט בטל ומבוטל!

**'אשר קרך' – צוגיין צו מצוות אָן קיין הכנה, און דורכדעם 'קרי וטומאה' – מען פאלט אריין אין דער טומאה רח"ל**

**מיט** דעם פארשטייט מען שוין דעם פסוק: "**אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ**" - דער עמלק האט זיך פארלייגט אויפן ענין פון 'הכנה'; ווי רש"י זאגט דעם ערשטן פשט "**לשון מקרה**" - ער האט זיך פארלייגט אז אידן זאלן נישט מאכן קיין הכנה פאר א מצוה - וויבאלד דארט האט ער נישט אזא שליטה - נאר זיי זאלן צוגיין צו א מצוה אויף א מקרה'דיגן אופן! מען זאל **אריינפאלן** אין א יום טוב! עס איז עפעס אויפאמאל געווארן פורים און ער הערט די מגילה - אן דעם וואס ער זאל האבן געטראכט פון פריער און זיך צוגעגרייט דערצו. און ממילא, אויב האט מען נישט דעם כח פון די הייליגע מצוות און ימים טובים, איז שוין נישט קיין וואונדער אז שפעטער פאלט מען חלילה אריין - אינעם צווייטן פשט - "**לשון קרי וטומאה**". ווייל מען האט דאך נישט קיין כוחות דקדושה זיך צו שלאגן קעגן אים.

**עמלק זאגט: דו ביסט 'שוין' גרייט צו דער מצוה!**

**דאס** האט א שייכות מיטן רמז וואס די ספרים זאגן, אז עמלק איז בגימטריא 'רם'. ווייל עמלק פרובירט אריינצוברענגען אין א איד א 'גאוה', אז ער זאל זיך שפירן הויך און גרויס, ער זאל האלטן אז ער איז **שוין** גרייט צו א מצוה, און דורכדעם זאל ער נישט האבן פון פריער קיין תשוקה צו א מצוה! ער זאל נישט מאכן קיין הכנה צו א

יום טוב! דאס איז אלעס, ווייל עמלק ווייסט אז אויב דער איד וועט מאכן א הכנה צום יום טוב, איז ער א פארטיגער! ער האט שוין נישט קיין שליטה איבער אים.

**דורך 'זכירה' - די הכנה פארן 'עשיה' - איז מען מקיים מחיית עמלק**

**מיט** דעם פארשטייט מען דעם ענין פון 'להקדים זכירה לעשיה'. ווייל די גמרא זאגט דאך (מגילה יח. עיי"ש והבן): **"זכור יכול בלב"**, זעט מען, אז דער עיקר 'זכירה' איז א פנימיות'דיגע זאך אין הארץ, וואס א מענטש געדענקט און חזר'ט זיך די שנאה צו עמלק. דערפאר דוקא דא ווען עס קומט צו מלחמת עמלק, זאגן חז"ל: אויב ווילסטו אנקומען צו א ריכטיגע 'עשיה' ווי עס דארף צו זיין, אז עמלק זאל נישט האבן קיין שליטה דערויף - מוזטו זען מקדים צו זיין די 'זכירה'! דו מוזט קודם מאכן א הכנה בלב! און שפעטער וועסטו קענען קומען צו אן עשיה אויף א גרויסן פארנעם - אָן די שליטה פון עמלק. און אפילו אויב למעשה וועסטו נישט קענען מקיים זיין די עשיה ווי עס דארף צו זיין - וועט אבער אין די 'זכירה' אליינס, שוין ווערן אפגעטון די גאנצע 'עשיה'.

**'קריאה' איז דער 'הכנה דלעילא' -איידער דעם 'דיבור'**

**עס** קען זיין, אז דער ענין פון 'קריאה' - ויקרא אל משה - דאס איז טאקע דער ענין פון 'הכנה צו דער מצוה' - וואס מען באקומט פון אויבן אינעם זכות פון 'ענוה'. דעריבער, וויבאלד משה רבינו איז געווען דער 'עניו מכל אדם' - האט ער זוכה געווען צו א 'קריאה', אז איידער דער אייבערשטער האט גערעדט צו אים, האט ער אים גערופן קודם, און מיט דעם אים געגעבן א העכערן כח פון 'הכנה'. און דאס איז דער היפוך פונעם 'קרך' פון עמלק, וואס ער וויל אויסרייסן די גאנצע הכנה.

**און** מיט דעם פארשטייט מען דעם רש"י: **"לכל דברות וכו' קדמה קריאה לשון חבה וכו' אבל לנביאי האומות העולם נגלה עליהן בלשון עראי וטומאה שנאמר ויקר אלקים אל בלעם"** - נאר ביי משה רבינו, וואס ער איז געווען אן 'עניו', איז געווען דער ענין פון דער 'קריאה' און 'הכנה' - וועלכע האט 'מקדים' געווען דעם 'דיבור'. ווידער אבער ביי בלעם'ן - וואס ער איז די זעלבע בחינה ווי 'עמלק';

ווי דער בני יששכר (חודש אדר ג, ה) ברענגט אראפ פון הרה"ק רבי שמשון אוסטראפאליער זצ"ל - איז נישט געווען קיין 'קריאה' פון פריער, נאר 'ויקר' - וועלכע איז פון לשון 'קרך', ער איז ווי אריינגעפאלן אין א נבואה אָן קיין שום הכנה.

**משה רבינו בענותנותו האט געהאלטן אז ער איז 'קיינמאל' נישט גרייט**

**משה** רבינו איז דאך אבער געווען דער גרויסער 'עניו', דעריבער, אפילו ווען דער אייבערשטער האט שוין גערעדט צו אים, האט ער בענותנותו געהאלטן, אז ער איז נאכנישט גרייט צו הערן די נבואה פונעם אייבערשטן! און דעריבער האט ער געשריבן דעם קליינעם אלף, כאילו עס שטייט 'ויקר', אז דער דיבור איז געקומען פלוצלינג.

**און** דערפאר שטייט דא 'אל משה', און אויך שטייט נישט דא דער שם ה', ווייל דאס איז אלעס געווען נאר וויאזוי עס האט אויסגעקוקט פאר משה, אבער באמת איז נישט אזוי געווען, נאר דער אייבערשטער האט אים געזאגט: "שרייב יא אן אלף! ווייל דו ביזט נישט חס ושלום אין א בחינה פון בלעם, דו ביזט **יא** גרייט!".

**דורך זיין צובראכנקייט האט ער באקומען א גילוי פון אספקלריא המאירה**

**וויבאלד** משה רבינו איז געווען דער 'עניו מכל אדם' מיטן גרעסטן לב נשבר וואס איז נאר שייך - האט ער זיך געשפירט אזוי דערווייטערט, ווי - להבדיל - א בלעם! און דערפאר **"ולא יכול משה לבוא אל אהל מועד"** - ער האט נישט געקענט אריינגיין אינעם אהל מועד, ווייל עס איז אים פשוט נישט איינגעפאלן אז ער איז ראוי אריינצוגיין! ער איז געליגן אין אזא מין 'שברון לב' און 'צובראכנקייט' וואס האט נישט קיין שיעור און קיין ערך. אבער אינ'אמת'ן איז ממש להיפך, דוקא דורך דער געוואלדיגער ענוה, איז ער געווארן גרייט! ווייל ער האט דורכדעם באקומען א מורא'דיגע תשוקה און כיסופין צו דער קדושה, און ער האט דורכדעם ממשיך געווען די השראת השכינה. ממילא, איז דער קליינער אלף - וואס איז רומז אויף די ענוה פון משה רבינו - געווארן איבערגעדרייט אויף פארקערט, אז דאס איז א רמז צו די שכינה, אז די שכינה האט זיך כביכול קליין

געמאכט און זיך אריינגעזעצט אין משה אריין! עס איז געווארן 'אני שוכן את דכא', דער אייבערשטער איז אראפגעקומען צו אים!

**דערפאר** זאגט דער פסוק: "**וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו**" - עס שטייט נישט 'לו' נאר 'אליו'. דער חילוק צווישן 'לו' און 'אליו', זאגט רש"י אין פרשת חיי שרה (בראשית כד, ז ד"ה ואשר), אז 'לו' מיינט 'צו אים', און 'אליו' מיינט 'מיט אים'. דאס זאגט דא רש"י, אז ווייל עס שטייט 'אליו', מיינט דאס אז דער אייבערשטער איז אראפגעקומען און געווען צוזאמען מיט אים, וואס דאס איז נאר געקומען דורך זיין מדה פון ענוה וואס ער איז געווען צובראכן ביי זיך, וואס דורכדעם האט ער ממשיך געווען דעם דיבור - אויף דער בחינה פונעם משל, אז דער רבי קומט צום תלמיד.

**און** פון דעם 'אליו' לערנט רש"י ארויס, אז קיינער אנדערש האט נישט געהערט דעם דיבור. ווייל אויב איז דער דיבור געקומען אויף אזא מין אופן פון התקרבות, צוליב דעם מאס צובראכנקייט וואס משה רבינו האט צוגעשטעלט, נו, איז דאך זיכער אז קיינער אנדערש האט דאס נישט געהערט, ווייל עס איז דאך נישט געווען נאך איינער אין כלל ישראל וואס זאל זיין אזא עניו ווי משה רבינו; ווי דער פסוק זאגט (במדבר יב, ג): "והאיש משה עניו מאוד מכל האדם אשר על פני האדמה".

#### די הכנה צו דער מצוה איז א דבר השוה לכל נפש

**מיט** דעם פארשטייט מען דעם שייכות פונעם מדרש צו אונזער פסוק. ווייל דא זעט מען דאך, אז אפילו א מענטש וואס ער קען נישט טון די מצוה בשלימות - קען ער אבער מקדים זיין די 'הכנה', די 'קריאה' און 'זכירה' - פאר די 'מצוה', פאר דעם 'דיבור' און 'עשיה', און דורכדעם האט ער געטון דעם עיקר. דאס שטעלט דא דער מדרש צו, עס איז פארהאן טאקע אזעלכע "**עליונים על ידי שהן יכולין לעמוד בתפקידיו של הקדוש ב"ה**" - די עולמות העליונים קענען **טון** זייער תפקיד בשלימות, מיט אלע כונות ווי עס דארף צו זיין, ווייל זיי האבן נישט קיין יצר הרע. אבער עס זענען פארהאן "**תחתונים שאינן יכולין לעמוד בתפקידיו של הקדוש ברוך הוא**" - מענטשן דא אויף דער וועלט, האבן א יצר הרע, און זיי קענען נישט **טון** א מצוה בשלימות. ווערסטו מיינען אז זיי קענען **גארנישט** צושטעלן, "**לכך**

**נאמר ברכו ה' מלאכיו ולא כל מלאכיו"** - זאלסטו וויסן, אז אפילו אויב זיי קענען נישט מאכן 'כולו', קענען זיי אבער צושטעלן די הכנה און תשוקה צו דער מצוה! וואס דאס איז מרומז אין 'ברכו' - וואס איז א לשון פון 'המשכה' (פונעם לשון 'בריכות המים'), אז דורכדעם וואס א מענטש איז 'נמשך' און ציהט זיך צום אייבערשטן מיט א תשוקה - וואס דאס קען דאך יעדער איינער טון - דורכדעם איז 'מקצתו ככולו', עס איז פונקט ווי ער וואלט געטון די מצוה בשלימות.

**משה רבינו שיינט אריין פארן נידריגסטן איד וויאזוי צו נעמען זיין צובראכנקייט און מאכן דערפון א 'הכנה'**

**דער** הייליגער זרע קודש (פרשת מטות ליקוטים ד"ה נשמת משה) טייטשט דעם פסוק (במדבר לא, ב): "אחר תאסף אל עמך", אז משה רבינו'ס נשמה איז געבליבן אין כלל ישראל, ער איז נכלל און ער ליגט **אין** אלע אידישע קינדער. און אזוי שטייט אויך אין זוהר הק' (תיקו"ז קיב.): "אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא". לויט ווי מען האט גערעדט, קען מען אביסל מסביר זיין וואס דאס מיינט אז ער איז נכלל אין כלל ישראל. ווייל ביי משה רבינו זעען מיר דאך, אז דוקא זיין צובראכנקייט בלי שיעור - איז געווען די ריכטיגע 'הכנה' ממשיך צו זיין די השראת השכינה און צו הערן דעם דבר ה'. און אט דער בחינה איז משה רבינו ווייטער משפיע פאר אלע אידן אין אלע דורות, אז וואו עס געפונט זיך א צובראכן הארץ - איז משה רבינו דארט און שפירט **מיט** מיט זיין מצב! און אפילו דער נידריגסטער איד, דער שפל שבשפלים, וועלכער איז פארזינדיגט און נפגם רח"ל, ווי ווייט ער ליגט נאר אין אלע זוהמות רח"ל - ברענגט משה רבינו אריין אין אים, אז דוקא פון דער צובראכנקייט און שפלות, זאל ער קענען מאכן א 'הכנה' און דורכדעם נתעלה ווערן, אזוי ווייט, אז דער אייבערשטער זאל זיך - כביכול - משפיל זיין און אראפקומען צו אים.

**דאס** קען אויך זיין פשט אינעם פסוק: **"והאיש משה עניו מאוד מכל האדם אשר על פני האדמה"** - משה רבינו איז דער עניו וועלכער לאזט זיך אראפ און גייט **מיט** מיט יעדן איד וועלכער שפירט זיך - 'על פני האדמה' - אז ער איז נידריג ביז צו דער ערד! משה רבינו ווייסט און שפירט מיט זיין ווייטאג, און ער ברענגט דארט אריין די בחינה פון **"וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה"** - 'אלף זעירא', אז דער אייבערשטער

כביכול זאל זיך מקטין זיין און אראפקומען צו דעם איד, און ער זאל שפירן א התגלות פונעם אייבערשטן דארט אין זיין פלאץ.

## דברי כיבושין

**על** כל פנים, זעט מען דאך אז דער ענין פון פורים איז 'להקדים זכירה לעשיה', דאס ווייזט אויף דעם ענין פון 'הכנה', וואס א איד זאל נישט חלילה פאלן און ער זאל זיך נישט **אוועק מאכן** אויך נישט, ער זאל זיך נישט [אוועק] מאכן אינגאנצן. מען מוז דאך דאך אביסל טראכטן [איידער א מצוה], [ווייל] אז מען הייבט גארנישט אן צו טראכטן, און מען וויל גארנישט - איז 'אחר יאוש', זאל דער אויבערשטער אפהיטן!.

**עס** קומט אזעלכע הייליגע טעג, עס איז 'גבוה מעל גבוה', מען קוקט אריין אין די ספרים הקדושים, [זעט מען] וואס איז טייטש אזא פורים מיט אזעלכע טעג. איז יעדער איד דארף זיך צוזאמען נעמען און האבן א השתוקקות און א רצון, אז דער אויבערשטער זאל העלפן, ער זאל קאנען מקיים זיין די מצוות אזויווי עס ברויך צו זיין! ער זאל קאנען האבן א הרהור תשובה! ער זאל קאנען עפעס זיך דערנענטערן! אז עס זאל זיין "ויקרא אליו ה'" - אז צו יעדן איינעם זאל [ער] האבן עפעס א ענין פון 'קריאה', א 'לשון חיבה', ער זאל ווערן דערנענטערט צו די קדושה.

**זאל** דער אויבערשטער העלפן, אין זכות פון די הייליגע טעג, אז דער אור פון מרדכי ואסתר זאל נתעורר ווערן, און 'חזור וקבלוה'. זאל מען זוכה זיין מקבל זיין די תורה באהבה ויראה, מתוך נחת ושמחה, ליהודים היתה אורה, זאל מען זוכה זיין צו לעכטיגע ימים טובים מיט אלעם גוטן, עד ביאת גואל צדק במהרה בימינו, אמן.

# לשבת זכור

## זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם.

**דער** מדרש זאגט (תנחומא תצא ז): **"זכור את אשר עשה לך וגו' כאן כתיב זכור ובשבת כתיב זכור, שניהם שוין וכו' השבת כתיב בה זכור את יום השבת, לקדשו ולכבדו במאכל ובמשתה ובכסות נקייה, ובעמלק כתיב זכור את אשר עשה לך עמלק, על מה אתה זוכרו על שולחן ריקה שנאמר תמחה את זכר עמלק מתחת השמים"** - איך וואלט געקענט מיינען אז דער 'זכור את אשר עשה לך עמלק' גייט צו אויפן זעלבן אופן ווי דער 'זכור את יום השבת', זאגט דער מדרש ניין, שבת זאלסטו געדענקען צו מכבד זיין במאכל ובמשתה, און עמלק זאלסטו געדענקען צו מוחה זיין אויף א ליידיגן טיש.

**לכאורה** לויט די הוה אמינא אז 'שניהן שוין', איז דאך אודאי נישט שייך צו טראכטן אז 'זכירת שבת' זאל זיין אויף אן אופן פון אויסמעקן און מאבד זיין, ווייל עס שטייט דאך 'לקדשו'. אלא מאי מוז זיין, אז די הוה אמינא איז געווען פארקערט, אז 'זכירת עמלק' זאל זיין אויף אן אופן פון מכבד זיין. דאס הייסט, אז מען זאל אים פאלגן אלץ וואס ער הייסט מיט א כבוד און דרך ארץ. לכאורה דארף מען פארשטיין די כונה דערפון.

**נאר** מען קען עס אפשר פארענטפערן, לויט די ווערטער פונעם דברי יחזקאל (פרשת תצוה ד"ה ועשית חשן משפט), וואס ער פרעגט אויפן פסוק (שמות כח, טו): **"כמעשה אפוד תעשנו"**, אז מען זאל מאכן דעם חושן פונקט ווי דער אפוד. פרעגט ער: ביים חושן אליין שטייט דאך ארויס בפירוש אין פסוק: "זהב תכלת וארגמן ותולעת שני ושש משזר תעשה אותו", נו, צו וואס דארף די תורה זאגן אז מען זאל עס מאכן אזוי ווי דעם אפוד?

**ענטפערט** דער דברי יחזקאל: 'אפוד' איז א לבוש פון אונטן, דאס ווייזט אויף די גשמיות'דיגע אברים. 'חושן' איז קעגן דעם הארץ, דאס ווייזט אויף רוחניות'דיגע כוחות, פון טראכטן און זיך מתבונן זיין אין העכערע השגות. אמאל קען א מענטש זיך איינרעדן,

אז ער וועט זיך נאכגעבן אלע תאוות בהיתר, אבער אין זיין הארץ וועט ער בלייבן דבוק אינעם אייבערשטן. אויף דעם זאגט דער פסוק, אז דו זאלסט וויסן אז דאס קען נישט זיין, ווייל דיין חושן, דיין הארץ - וועט במשך הזמן נמשך ווערן ווי דיין אפוד, ווי דיין התנהגות אין גשמיות'דיגע ענינים. און אויב פירסטו זיך אויף מיט א הפקרות אין גשמיות - וועט דיין הארץ אויך ווערן אראפגעשלעפט. נאר א מענטש דארף זען זיך מקדש צו זיין 'במותר לו', אז אפילו אין חומריות'דיגע ענינים זאל ער זיך פירן על פי תורה, און נישט זיך פירן מיט קיין הפקרות חס ושלום. זיין הייליג לשון איז: **"התורה מרמז לנו דרך לעבודת הבוב"ה. אשר האדם יתנהג בדברים החומריים עפ"י התורה. ולקדש עצמו במותר לו ולא ינהוג א"ע כהפקר ח"ו באברים החומריים לעשות ולאכול מה שלבו חפץ".**

**דער** דברי יחזקאל האט אונז געלערנט דא א דרך, אז דו זאלסט נישט מיינען אז דאס זענען צוויי באזונדערע זאכן, דער 'אפוד' איז א זאך פאר זיך, וואס דארט - בעניני גשמיות - קענסטו טון וואס דו ווילסט, און דאס הארץ איז א באזונדערע זאך פאר זיך, און דארט וועסטו בלייבן נאנט צום אייבערשטן, ניין! עס גייט נישט אזוי. ווייל דיביידע זאכן זענען מקושר איינס מיטן צווייטן, און אויב דו וועסט נישט מקדש זיין דעם אפוד - וועסטו נישט קענען בלייבן ביי דיינע השגות און מדרגות.

**מיט** דעם קען מען פארשטיין דעם מדרש: **"יכול שניהן שוין"** - דו וועסט מיינען אז דאס זענען צוויי באזונדערע זכירות וואס האבן נישט קיין שייכות, דו קענסט זיך נאכגעבן אלע תאוות עולם הזה פון דעם עמלק'ן, און נאכדעם וועסטו נאכאלץ קענען פילן א טעם אין שבת קודש. אויף דעם זאגט דער מדרש: ניין, עס גייט נישט אזוי! נאר **"זה לקדשו ולכבדו במאכל ובמשתה ובכסות נקייה, ובעמלק וכו' אתה זוכרו על שולחן ריקם"** - נאר אויב דו וועסט אויסמעקן דעם עמלק אויף א **ליידיגן טיש**, דאס הייסט, דו וועסט זיך נישט נאכגעבן די תאוות עולם הזה, דעמאלט וועסטו קענען שפירן א טעם אינעם שבת קודש.

## דברי כיבושין

**היוצא לנו מזה:** מען זעט דא, אז דער מחיית עמלק איז מען מקיים דורכן ענין פון 'קדש עצמך במותר לך'. וואס בפשטות מיינט דאס, אז מען זאל זיך נישט נאכגעבן קיין תענוגים, נאר בלויז די 'הכרחיות' וויפיל מען מוז האבן, און דורכדעם מאכט מען דעם ביסל 'גשמיות' - וואס איז א הכרח צום לעבן - פאר 'רוחניות'.

**אבער** אינעם היינטיגן דור איז דאס זייער א שווערע זאך, און נישט יעדער איז היינט אין דער מדרגה צו קענען לעבן ממש מיט אזא פרישות. דעריבער לפי צורך הדור קען מען אפשר מדייק זיין אינעם לשון פון דברי יחזקאל, וואס יעדעס ווארט זיינער איז געווען געמאסטן, און ער זאגט עפעס אזא ברייטן לשון: "ולקדש עצמו במותר לו ולא ינהוג את עצמו כהפקר חס ושלום". קען מען זאגן, אז 'הפקר' מיינט דער ענין פון 'מגרי יצר הרע אנפשיה' (נדה יג:), וואס דאס איז שוין א גדר פון 'הפקר', דאס הייסט, כאטש ער האט נאך למעשה נישט עובר געווען אן עבירה, אבער דאס ברענגט שוין אראפ די קדושה פונעם מענטש. אבער ווילאנג א מענטש זוכט זיך נישט צו מגרה זיין דעם יצר הרע, און ער מאכט זיכער אז אלעס וואס ער טוט איז על כל פנים א 'היתר' און נישט קיין 'הפקר' חס ושלום, און אודאי נישט קיין 'איסור' - איז ער זיך מיט דעם מקדש 'במותר לו' - דורכן היתר! און מען זעט אויך אזא בחינה אין ישמח משה[א].

**און** דאס קען זיין פשט אינעם מדרש, אז מחיית עמלק איז דוקא אויף א 'שולחן ריקם', קען זיין אז די כונה איז ווי די גמרא זאגט (תענית טז:): "ריקם מן העבירות", אויב איז ער נישט עובר אויף קיין עבירה, איז עס אים **שוין** מקדש! וויבאלד ער איז א ירא שמים, ער ציטערט פון אן עבירה, און וואס ער טוט איז אויסגעהאלטן על פי



א ז"ל הישמח משה פרשת קדושים: "קדש עצמך במותר לך (יבמות כ' ע"א), מתקיים על פי שני דרכים, או שממאס במותרות, ולפעמים ההיפך כמבואר בשו"ע שמשביע עצמו מן ההיתר כדי שלא יבא לידי איסור, והכל לפי מה שהוא אדם באותה שעה ובלבד שיהיה כונתו לשמים. והיינו גם כן קדש עצמך במותר לך, שעל ידי המותר הוא מקדש על עצמו שלא יבא לידי איסור, וגם אם עושה לכונה זו, הוי עבודה לשם ב"ה וב"ש ומקדש עצמו, והבן.".

תורה - איז ער **שוין** א קדוש! און ׳כשזה קם זה נופל׳ (רש״י בראשית כה, כג), וויבאלד ער איז זיך מקדש בהיתר - ווערט דער גאנצער עמלק אויסגעמעקט.

**בדור הזה איז דאס א גרויסער יסוד:** אז דער עיקר איז זיך צו היטן פון אן עבירה, נישט חלילה צו קומען צו קיין עבירה, ווייל דארט איז ביטער! אויב מען פאלט דארט אריין - פאלט מען אריין אין עמלק׳ן! ׳כשזה קם זה נופל׳, פאלט מען פון אלע מדרגות רחמנא ליצלן. אבער ׳כשזה נופל׳, אז כל זמן עס איז נישט קיין עבירה - איז ׳זה קם׳, איז עס א מצוה, און עס איז מקדש. ממילא קען טאקע א איד זיך פירן און וואקסן בקדושה ובטהרה.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל מיר זוכה זיין צו קדושה וטהרה, מיט נחת און געזונט מיט אלעם גוטן, עד ביאת גואל צדק במהרה בימינו, אמן.

בעזהשי"ת

# מכון אמרי מנחם
# וועד להוצאת ספרי רבינו זצוק"ל


הגה"צ רבי **חיים מאיר וואגשאהל**
**נשיא**

הרב **דוד שלמה לאוב**
**יושב ראש**

**חברי הוועד**
הר"ר **טובי' אביגדור פעלדמאן**
הר"ר **ישראל יעקב פרענקל**
הר"ר **משולם איסר קעסטענבוים**


שלומים מרובים לכל אנ"ש וידידינו הע"י.

נבקש בזה מכל או"א מי שיש לו איזה דברי תורה, סיפורי צדיקים וכד' בכתב או בטעיפ מכ"ק מרן רבינו זיעועכי"א שיואיל בטובו למסור לנו העתק כדי שנוכל לסדרם כולם בפונדק אחד ולהדפיסם בסדר נאה ומסודר, ובודאי יהי' נייחא לנשמתו הק'.

כידוע, **הכרת הטוב** הי' ממדתו של רבינו זיעועכי"א ובודאי יעמוד זכותו הגדול לכל אחד העוזר ומסייע להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב.

**הוועד**


**יכולין להשאיר הודעה על הטעל. 845.459.5954**

**או לשלוח ע"י אימעיל mechonshinova@gmail.com**

קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה וסיפורי קודש
מאת כבוד קדושת מרן
רבינו **אברהם מנחם מענדל וואגשאהל** זי"ע
**אדמו"ר משינאווא**

## פורים

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
**שינאווא**

כל הזכויות שמורות

# פורים

## כטוב לב המלך ביין

דברי תורה שהשמיע בעת משתה היין

וַיְסַפֵּר הָמָן לְזֶרֶשׁ אִשְׁתּוֹ וּלְכָל אֹהֲבָיו אֵת כָּל אֲשֶׁר קָרָהוּ וַיֹּאמְרוּ לוֹ חֲכָמָיו וְזֶרֶשׁ אִשְׁתּוֹ אִם מִזֶּרַע הַיְּהוּדִים מָרְדֳּכַי אֲשֶׁר הַחִלּוֹתָ לִנְפֹּל לְפָנָיו לֹא תוּכַל לוֹ כִּי נָפוֹל תִּפּוֹל לְפָנָיו - עוֹדָם וגו'.

**א)** דער פסוק הייבט זיך אן מיט 'אוהביו', און ער ענדיגט מיט 'חכמיו'. לכאורה איז שווער פארוואס ענדיגט ער נישט מיט 'אוהביו' אזויווי ער האט אנגעפאנגען?

**ב)** אויך דארף מען פארשטיין דעם לשון 'אם **מזרע** היהודים', ער וואלט געדארפט זאגן 'אם יהודי הוא'?

**ג)** דער מנהג איז, אז מען כאפט צוזאם דעם 'נפול תפול לפניו' מיטן ווארט 'עודם' פונעם קומענדיגן פסוק, דארף מען פארשטיין דעם ענין דערפון?

**ד)** אויף דעם פסוק '**נָפוֹל תִּפּוֹל**' זאגט די גמרא (מגילה טז.): **"שתי נפילות הללו למה, אמרו לו אומה זו משולה לעפר ומשולה לכוכבים כשהן יורדין יורדין עד עפר וכשהן עולין עולין עד לרקיע"** - ווען א איד הייבט אן אראפצוגיין, גייט ער ביז צו דער ערד, און ווען ער הייבט אן ארויפצוגיין, גייט ער ביז צום הימל. לכאורה איז שווער, וואס איז דער שייכות צווישן דאס וואס מרדכי איז 'עולה עד לרקיע', צו די 'נפילה' פון **המן**? פארוואס קען נישט זיין אז ביידע זאלן זיין אין דער הייעך?

**ה)** אויך איז שווער, וואס איז יעצט נוגע דער חלק פון 'יורדין עד לעפר', יעצט האלט מען דאך ביי דער 'עליה' וואס מרדכי הייבט אן ארויפצוגיין, און נישט ביי דער 'ירידה'?

**ו)** ווייטער שטייט: "**וַיֹּאמֶר הָמָן בְּלִבּוֹ לְמִי יַחְפֹּץ הַמֶּלֶךְ לַעֲשׂוֹת יְקָר יוֹתֵר מִמֶּנִּי**". און עס שטייט אין אלע ספרים, אז סתם 'המלך' אין דער מגילה איז מרמז אויפן 'מלכו של עולם'. נו, ווי קען זיין אז דער טמא'נער המן האט געהאלטן, אז דער אייבערשטער וויל אים גאר מכבד זיין? ער האט דאך געוואוסט וואספארא רשע ער איז?

**ז)** ווייטער שטייט: "**וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ וַיֹּאמֶר לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה מִי הוּא זֶה וְאֵי זֶה הוּא אֲשֶׁר מְלָאוֹ לִבּוֹ לַעֲשׂוֹת כֵּן**" - אחשורוש האט געפרעגט, ווער איז דער וואס דערוואגט זיך צו טון אזא זאך. לכאורה איז דאך עס ממש א שקר גס, ער אליינס האט דאך געגעבן זיין הסכמה דערצו, און ער האט נאך אפילו מוותר געווען אויף די 'עשרת אלפים ככר כסף' - פון גרויס חשק צו דער גזירה; ווי די גמרא זאגט (מגילה יד.) אז עס איז געווען ווי דער 'בעל התל' און 'בעל החריץ'. נו, ווי קומט ער דא לייקענען די גאנצע מעשה, כאילו ער ווייסט פון גארנישט?

###### המן האט געמיינט אז כלל ישראל איז 'זיינס'

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. דער פסוק זאגט דאך פריער: "**וּמָרְדֳּכַי לֹא יִכְרַע וְלֹא יִשְׁתַּחֲוֶה**" - בלויז מרדכי האט זיך נישט געבוקט צו המן'ען, איז משמע אז אויסער מרדכי האבן זיך **אלע** אידן געבוקט צו אים. נו, אז המן האט געזען אז אלע אידן בוקן זיך צו אים, האט ער געהאלטן אז ער האט שוין דעם כלל ישראל מיט זיך! זיי זענען שוין פון זיינע מענטשן! מיט דעם איין מרדכי'ן וועט ער זיך שוין אן עצה געבן, אבער אויף כלל ישראל איז ער שוין אינגאנצן בעל הבית רחמנא ליצלן.

###### ולמלך - 'מלכו של עולם' - אין שוה להניחם

**דעריבער** איז ער געקומען צו אחשורוש און געבעטן גוזר צו זיין די גזירה. אבער אחשורוש וועט דאך מורא האבן צו טשעפן מיטן עם הנבחר, ער ווייסט דאך וואספארא עונשים - די אלע וואס האבן זיי געטשעפעט במשך כל הדורות - האבן באצאלט. אויף דעם האט המן אים בארואיגט: "**וְאֶת דָּתֵי הַמֶּלֶךְ אֵינָם עֹשִׂים וְלַמֶּלֶךְ אֵין שֹׁוֶה לְהַנִּיחָם**" - זיי פאלגן נישט די תורה, ממילא האבן זיי נישט קיין

זכותים, און עס לוינט זיך מער נישט פארן 'מלכו של עולם' זיי צו לאזן דא אויף דער וועלט! זיי זענען שוין אלע ווי גוים גמורים און זענען שוין גארנישט ווערד רחמנא ליצלן.

#### המן האט געהאלטן אז דער אייבערשטער וויל אים - מער ווי אידן

**דער** המן איז געגאנגען אזוי ווייט מיט זיין השקפה אויף אידן, אז ער האט געהאלטן נישט מער און נישט ווייניגער: **"לְמִי יַחְפֹּץ הַמֶּלֶךְ לַעֲשׂוֹת יְקָר יוֹתֵר מִמֶּנִּי"** - דער אייבערשטער וויל מער מיין כבוד ווי סיי וועמען! ווייל זיי האבן געזינדיגט, וויל דער אייבערשטער אז 'איך' זאל אויף זיי אויספירן דעם עונש פון 'להשמיד להרוג ולאבד'.

#### אוהבי עשיר רבים

**נו,** אז מען זעט אז איינער איז מצליח - שאַרט מען זיך צו צו אים... האט טאקע המן באקומען אסאך 'אוהבים'. ווייל זיי האבן געזען ביי אים אזא מין כח השפעה, אז ער האט געקענט ארייננאַרן גאנץ כלל ישראל אין זאק אריין. ממילא, האט ער באקומען אסאך מעריצים און גוטע פריינט.

#### אפילו אויב עס איז נאר 'מזרע ישראל' - ועסטו אויך האבן א מפלה

**די** חכמים האבן אבער יא פארשטאנען וויאזוי מען קוקט אויף א איד, האבן זיי געזאגט: "המן, דו נאַר! דו שוטה וגס רוח! דו ווייסט דען וואס איין איינציגער איד איז? דו ווייסט דען וואס טייטשט **א איד?** **"אִם מִזֶּרַע הַיְּהוּדִים"** - אויב איז עס נאר א 'אידיש קינד', אפילו אויב ער פירט זיך נישט אויף ווי א 'יהודי', ער האט נאך אסאך אויף וואס תשובה צו טון - האסטו נישט קיין השגה ווי גרויס ער איז! דו ווייסט נישט וואספארא **כח** ער האט! דו האסט נישט קיין השגה ווי גרויס איז איין תפלה פון א איד, וואס טייטשט תשובה פון א איד! און נישט דוקא 'מרדכי הצדיק', נאר כל זמן ער איז 'מזרע היהודים'!".

#### זיי ווערן קיינמאל נישט פארפאלן!

**זאגט** די גמרא אויף דעם: **"כשהן יורדין יורדין עד עפר וכשהן עולין עולין עד לרקיע"** - דא האבן זיי מסביר געווען פאר המן, אין וועלכן טעות ער לעבט: "דו מיינסט, אז ווייל זיי זענען **יעצט** אין א מצב פון 'יורדין עד לעפר' - וועלן זיי שוין אייביג בלייבן דארט? ניין! דו האסט א גרויסן טעות! ביי זיי איז נישטא אזא זאך ווי 'יאוש'! זיי

ווערן קיינמאל נישט פארפאלן! **אין איין מינוט** קענען זיי ווערן 'עולין עד לרקיע'! אין וואספארא מצב א איד איז, גיבט ער נאר **איין** קרעכץ, און ער איז שוין אזוי הויך, ער איז גרויס און גרויס אן קיין שיעור און קיין ערך!".

**פונקט ווי זייער 'עליה' גייט שנעל - אזוי וועט דיין 'נפילה' גיין שנעל**

**דער** כלל איז דאך (רש"י בראשית כה, כג): "כשזה קם זה נופל" - ווען אידן ווערן דערהויבן, פאלט עשיו אראפ. דאס האבן זיי אים צוגעענדיגט: "**הַחִלּוֹתָ לִנְפֹּל לְפָנָיו לֹא תוּכַל לוֹ כִּי נָפוֹל תִּפּוֹל לְפָנָיו**" - זאלסטו וויסן, אז איינמאל עס קומט אן דער זמן פון 'כשזה קם זה נופל', ווען דער איד הייבט אן ארויפגיין פונעם עפר און דו הייבסט אן אראפצוגיין צום עפר - גייט עס נישט צושטאַטלעך, נאר עס גייט 'נפילה אחר נפילה', זייער שנעל! ווייל פונקט ווי זייער 'עליה' גייט אין איין מינוט 'עד לרקיע', אזוי וועט דיין 'ירידה' גיין אין איין מינוט 'עד לעפר'!".

**ביי זיי איז שטענדיג דא אן 'עליה' נאך די 'ירידה' - אבער דו וועסט בלייבן אייביג אין דער ירידה**

**און** זיי האבן צוגעענדיגט מיטן: "**נָפוֹל תִּפּוֹל לְפָנָיו עוֹדָם**" - ביי **דיר** וועט נישט זיין אן 'עליה' נאך דיין 'ירידה' - אזויווי ביי זיי! ניין! דיין 'מפלה' וועט בלייבן אויף אייביג! עס וועט שטענדיג בלייבן אין א מצב פון 'עודם' - 'עדיין', דו וועסט אלעמאל זיין א **נָפוֹל תִּפּוֹל**'ניק! ווייל נאר אידישע קינדער האבן דעם כח, אז אפילו אויב עס איז 'יורדין', ווערן זיי **אין איין מינוט** 'עולין עד לרקיע', א איד ווערט קיינמאל נישט 'פארפאלן אויף אייביג'. אבער **דו** המן, וועסט זיך קיינמאל נישט ארויסדערזען פון דער בלאטע! דו וועסט האבן א מפלה וואס האט נישט קיין שיעור! דו וועסט פארפאלן ווערן לעולמי עד! עס וועט זיין 'מחה תמחה את זכר עמלק'!". צו דעם האט מען שוין געדארפט זיין 'חכמים', וואס זאלן האבן דעם שכל און פארשטיין, וויאזוי מען קוקט אויף א איד און וויאזוי מען קוקט אויף להבדיל א גוי.

**ער איז געבליבן אן קיין איין גוטער פריינט**

**דעריבער** ענדיגט זיך דער פסוק בלויז מיט 'חכמים', און נישט מיט 'אוהבים'. ווייל איינמאל המן האט זיי פארציילט ווי ער

האט ארומגעפירט מרדכי'ן אין שטאט מיט אזא גרויסן כבוד, און די חכמים האבן באלד פאראויס געזאגט: "עס איז נישטא וואס ליב צו האבן דעם המן'ען! זיין גאנצע גרויסקייט, זיין גאנצע הצלחה און התקרבות צום מלך - צעגייט שוין ווי א זייפן-בלאז..." האבן זיך אלע 'אוהבים' אפגעשאקלט פון אים...

#### אחשורוש האט געזאגט: איך דערקען זיי נישט!

**מיט** דעם פארשטייט מען שוין, פארוואס אחשורוש האט געזאגט: "**מִי הוּא זֶה וְאֵי זֶה הוּא אֲשֶׁר מְלָאוֹ לִבּוֹ לַעֲשׂוֹת כֵּן**". ווייל בשעת ווען המן איז געקומען צו אים גוזר צו זיין די גזירה, האט ער אנגעקוקט די אידן און ער האט געזען, אז זיי זענען 'נופלין עד לעפר', ער האט געזען אז זיי זענען א חברה המן'דלעך. נו, האט ער געטראכט: וואס פארא חשיבות האבן זיי דען? 'ולמלך אין שוה להניחם', דער אייבערשטער דארף זיי שוין נישט רחמנא ליצלן. אבער דא איז דאך געווען אינצווישן א געוואלדיגער תשובה פון "לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים הַנִּמְצְאִים בְּשׁוּשָׁן וְצוּמוּ עָלַי וְאַל תֹּאכְלוּ וְאַל תִּשְׁתּוּ שְׁלֹשֶׁת יָמִים לַיְלָה וָיוֹם", מרדכי הצדיק און אסתר המלכה האבן געזאגט פאר אידישע קינדער: "**דעם** פסח זאלט עטץ נישט אנרעכטן קיין סדר! נאר אנשטאט דעם זאלט עטץ זיצןביים סדר טיש, און שרייען: '**געוואלד, מיר וועלן שוין זיין גוט!**'". ממילא, האט זיך דער גאנצער **פנים** פון אידן געטוישט! פריער זענען זיי געווען 'עד לעפר', און יעצט זענען זיי **שוין** געווען 'עד לרקיע'! און ווען אחשורוש האט זיי **יעצט** אנגעקוקט, האט ער זיי בכלל נישט דערקענט, ממילא האט ער געשריגן: "**מִי הוּא זֶה וְאֵי זֶה הוּא**" - ווער איז דאס דער איד? איך דערקען אים גארנישט! דאס איז דאך נישט דער זעלבער מענטש! דאס איז דאך גאר אן אנדערער מענטש! און איך האב קיינמאל נישט געגעבן רשות **זיי** צו הרג'ענען!".

#### בין ישראל לעכו"ם

**מען** קען זאגן א שטיקל הסבר, פארוואס טאקע ווען דער איד פאלט 'עד לעפר', קען ער אין איין רגע נתעלה ווערן 'עד לרקיע', אבער דער גוי בלייבט שוין אין דער נפילה?

**אפילו ווען ער איז 'עד לעפר' איז זיין פנימיות נאכאלץ 'עד לרקיע'**

**נאר** דער תירוץ דערויף קען זיין, דאס וואס די גמרא זאגט (מגילה יב.): "הם לא עשו אלא לפנים, אף הקב"ה לא עשה עמהן אלא לפנים" - אפילו ווען אידישע קינדער זענען 'נופל עד לעפר' איז עס נישט מיטן 'פנימיות', דער 'פנימיות' פונעם איד איז נישט דארט - ווי דער דברי יחזקאל (לראש השנה) זאגט אויף די מצות 'פאה'. ווייל דער פנימיות פון א איד איז אלעמאל 'עד לרקיע', נאר אלץ וואס ער פאלט - איז נאר 'לפנים', עס איז נאר פונדרויסן. ממילא, "אף הקב"ה לא עשה עמהן אלא לפנים" - איז אלע גזירות נאר 'לפנים', אבער אין דער רגע וואס ער גיבט א שטיקל הייב אויף דעם 'לפנים' - איז ער שוין באלד 'עד לרקיע', וויבאלד זיין 'פנימיות' איז אייביג דארט געווען. ממילא, ווערן אלע גזירות בטל ומבוטל, און עס ווערט "ליהודים היתה אורה ושמחה", אמן.

**פורים קען מען זען אז די בריאה און די תורה זענען כסדר 'נייע'**

**וּבְכָל יוֹם וָיוֹם מָרְדֳּכַי מִתְהַלֵּךְ לִפְנֵי חֲצַר בֵּית הַנָּשִׁים לָדַעַת אֶת שְׁלוֹם אֶסְתֵּר וּמַה יֵּעָשֶׂה בָּהּ.** דער לשון איז שווער, עס וואלט געדארפט שטיין 'מדרכי מהלך' - נישט 'מתהלך'?

**דער** קדושת לוי זאגט אויף א פלאץ[ב], אז דער וואס איז מקיים און ער גלייבט אינעם "על כל נשימה ונשימה תהלל קה" (בר"ר יד, ט), איז ער זוכה צום "בכל יום יהיה בעיניך כחדשים" (פסיקתא זוטא ואתחנן ו, ו). לכאורה דארף מען פארשטיין דעם קשר צווישן די צוויי זאכן?

**נאר** אז מען כאפט א בליק אין די דיבורים קדושים פונעם הייליגן קדושת לוי אויף פורים, ווי מען זעט ווי עס ברענט דארט א פייער - קען מען אביסל פארשטיין דעם ענין. ער ארבעט דארט



ב **קדושת לוי פרשת כי תבוא ד"ה וידבר משה:** "בכל יום יהיה בעיניך כחדשים, ועל ידי מה, **מחמת שאתה מאמין שבכל נשימה ונשימה אתה מקבל חיות חדש** אם כן אתה בריה חדשה, אם כן **תזכה על ידי אמונה זו לשמוע בכל יום את מעמד הר סיני**".

ארום[ג], אז פורים ווערן אלע 'טבעיות' נזדכך, עס ווערט לויטער און מען קען זען דעם שם הוי"ה - אינעם פארגרעבטקייט פונעם גשמיות! און דאס איז דוקא פורים, וויבאלד דער נס איז געשען בדרך הטבע, ממילא האט מען געזען אז די טבע ווערט געפירט דורכן השגחת הבורא יעדע מינוט און יעדע רגע. אויף א צווייטן פלאץ ברענגט דער קדושת לוי אראפ דעם רמב"ן[ד], אז דאס איז טאקע דער תכלית פון אלע נסים, אז מען זאל וויסן אז די 'טבע' איז אויך א 'נס'.

**דער** ענין פון "על כל נשימה ונשימה תהלל קה" איז אויך די זעלבע זאך. אז סתם א מענטש מיינט, אז עס איז אזא 'טבע' וואס ער אטעמט, אבער אינ'אמת'ן דארף מען גלייבן, אז יעדע אטעם וואס

ג **קדושה שניה לפורים:** "הנה נודע **מדברי הרמב"ן** וכן משארי ספרים הקדמונים, כי **בימות המשיח יתקנו כל הטבעים** ופרה ודוב תרענה וכל הטבעים יעשו דוקא רצון עם בני ישראל ולא יצטרכו כלל לניסים בשינוי טבעים, כי הטבעים יתקנו לימות המשיח והטבעים יהיו מוכרחים לעשות רצונו יתברך שמו ורצון עמו בית ישראל... והנה לעתיד לבא לימות המשיח אשר כל הטבעים יהיו מוכרחים שיעשו כרצון עמו בית ישראל ואפילו על פי הטבעים לא יוכל לעשות נגד רצון לשום אחד מבית ישראל ולכן המועדים בטלים, כי המה מורים על יציאת מצרים אשר היה אז ניסים ונפלאות בשינוי טבעים. והנה לימות המשיח לא יצטרכו לשנוי טבעים לכן כל המועדים בטלים, כי טעם המועדים, כי על ידי קדושת יום טוב נתגלה גם עכשיו זאת הארה שהיה אז ואלו החסדים שהיה אז יתגלה גם עתה אם יצטרכו ישראל לעשות עמנו נסים ונפלאות בשינוי טבעיות יעשה עמנו גם עתה כמו שכתבתי באריכות בקדושת חנוכה בקדושה ראשונה, ולימות המשיח לא יצטרכו לשינוי טבעים, כי הטבעים יהיו מתוקנים. אכן **הארה דפורים שהוא מורה שהטבעים נתקנו שהיה נס בתוך הטבעים הוא דוגמא לימות המשיח שאז הטבעים יתוקנו** ולכן לעתיד לבא ימי הפורים לא נבטלים:

ד **קדושת לוי - כללות הנסים סי' א:** "כבר ביארנו בכמה מקומות שיש שני מיני נסים, דהיינו נסים נסתרים כמו בימי מרדכי ואסתר וחנוכה, ונסים נגלים כמו ביציאת מצרים. ועל הנסים נסתרים **צריכין להאמין בכל עת ושעה שאין לך שום דבר ודבר שאין בו השגחתו יתברך שמו. והגם שהוא בטבעיות** לא סר השגחתו יתברך שמו ואסור לתלות שום דבר בטבעי, כמ"ש **הרמב"ן בסוף פרשת בא** וזה לשונו, אדם מודה בנסים נסתרים שהם יסוד התורה כולה שאין לאדם חלק בתורת משה רבינו ע"ה עד שיאמין שכל דברינו ומקרינו כולם נסים אין בהם טבע ומנהגו של עולם בין ברבים בין ביחיד אלא אם יעשה המצות ינחילנו שכרו ואם יעבור עליהם יכריתנו ענשו הכל בגזירת עליון ברוך הוא וברוך שמו כאשר הזכרתי כבר לעיל ויתפרסמו הנסים הנסתרים. וכן כתב בפרשת בחקתי כו'. **ובזה שאנו קוראין המגילה בפורים, אזי נקבע במחשבותינו שכל דבר ודבר מאתו יתברך שמו ואינו שום דבר מצד הטבע**".

מען אטעמט יעדע מינוט און יעדע רגע, איז 'תהלל קה' - דארף מען לויבן דעם אייבערשטן. און ווי דער מדרש זאגט (מדרש תהלים סב, ע"פ בטחו בו בכל עת), אז די נשמה וויל **כסדר** ארויסגיין פונעם מענטש, און דער אייבערשטער לאזט איר נישט ארויסגיין, נאר האלט איר דארט אָן.

**ווען** א מענטש שפירט אזוי באמת, באקומט ער **אהבת ה'**, אז דער אייבערשטער איז א גאנצן צייט מיט אים און האלט אים ביים לעבן ברוב טובו וחסדו. קומט אויס אז דער ענין פון 'אהבת ה' קומט פונעם 'על כל נשימה ונשימה תהלל קה'. און אויב אזוי, איז דאך יעדן טאג דא א פרישע אהבת ה' - ווייל ער אטעמט דאך יעדע מינוט א פרישע אטעם.

**קומט** אויס, וויבאלד פורים איז די 'טבעיות' נזדכך געווארן און מען האט געזען אז אלעס וואס האט זיך אפגעשפילט די אלע יארן וואס האט אויסגעזען ווי 'טבע' - איז באמת געווען א נס, נו, איז דאך געווארן שטארק דער ענין פון 'על כל נשימה ונשימה תהלל קה', צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף יעדע מינוט וואס מען אטעמט - וואס פון דעם באקומט מען דאך אהבת ה', דעריבער איז טאקע פורים געווען א 'הדור קבלוה **מאהבה**' (שבת פח.). און אויב עס איז דא אן אהבה צו הקדוש ברוך הוא, איז דאך עס טאקע יעדן טאג מיט א פרישקייט - 'בכל יום יהיה בעיניך כחדשים', יעדן טאג לערנט מען און מען דאווענט מיט א התחדשות; ווי דער חובת הלבבות זאגט (שער אהבת ה' פרק ו), ממילא האבן א שייכות די צוויי ענינים.

**דאס** איז דער פשט: "**מָרְדֳּכַי מִתְהַלֵּךְ**" - מרדכי האט געוואוסט אז נישט 'ער' גייט, נאר ער 'ווערט' געפירט פון אויבן, ווייל ער האט געהאט די בחינה פון 'על כל נשימה ונשימה תהלל קה'. און דאס איז נישט געווען בלויז איינמאל, נאר "**וּבְכָל יוֹם וָיוֹם**" - ביי יעדן אטעם, 'על כל נשימה ונשימה' האט ער געוואוסט אז ער איז נאר א 'מתהלך', און אלעס וואס ער טוט ווערט געפירט פון אויבן.

**לָדַעַת אֶת שְׁלוֹם אֶסְתֵּר** - 'שלום אסתר' גייט ארויף אויף תורה, ווייל די תורה ווערט אנגערופן 'שלום'; ווי די גמרא זאגט (מגילה טז:): "דברי שלום ואמת - מלמד שצריכה שרטוט כאמיתה של תורה", זעט

מען אז ׳שלום׳ ווייזט אויף תורה. און אויך ווערט די תורה אנגערופן ׳אסתר׳; ווי די גמרא זאגט (חולין קלט:): ״אסתר מן התורה מנין״. און בעצם איז דאך ׳מגילת אסתר׳ א שטיק תורה, און עס איז איינע פון די כתבי הקודש וואס זענען ׳מטמא את הידים׳; ווי די גמרא זאגט אין מגילה (ז.).

**דאס** זאגט דער פסוק: ״לדעת״ - מרדכי הצדיק איז צוגעגאנגען צו דער תורה הקדושה (שְׁלוֹם אֶסְתֵּר), מיט דעם ׳דעת׳ פון ׳ובכל יום ויום׳. אז פונקט ווי ער האט מקיים געווען דעם ׳על כל נשימה ונשימה׳ - האט ער אויך מקיים געווען אז די תורה איז ביי אים געווען אין די בחינה פון ׳בכל יום יהיה בעיניך כחדשים׳.

**פורים איז נישטא קיין שום ׳רע׳ - דערפאר דארף מען נישט קיין ׳דעת׳**

**דער** הייליגער שינאווער זיידע זצ״ל זאגט, אז יעדער פשוט׳ער איד, איז פורים אין דער בחינה פונעם כהן גדול ביום הכיפורים לפני ולפנים[ה]. מען ווייסט דאך, אז ביים הייליגן זיידן איז יעדעס ווארט געווען אויסגעהאלטן על פי אמת לאמתו, און אז ער האט געזאגט אזא גרויס ווארט - וואס מען דארף דאס קענען זאגן - ליגט דאך דא עפעס א סוד וואס מען דארף פארשטיין, פארוואס איז דאס אזוי? עס דארף דאך עפעס א פירוש.

**די** קושיא איז נאך שטארקער: אויב א איד איז טאקע פורים ממש אין א בחינה ווי דער כהן גדול לפני ולפנים, נו, זאל ער נישט מעגן טרינקען קיין ווין פורים, פונקט ווי דער כהן וואס ער איז אסור ׳להכנס למקדש שתוי יין׳, און ביז דערווייל זעען מיר גאר פארקערט, אז א איד איז גאר ׳מחויב׳ צו טרינקען ווין פורים; ווי חז״ל זאגן (מגילה ז:): ״חייב אינש לבסומי בפוריא״, נו, איז דאך עס ממש א פלא פון א דברי יחזקאל? ווי קען א איד פורים זיין אין דער בחינה פון א כהן



ה ז״ל דברי יחזקאל לפורים - ד״ה חייב: ״וזהו שכתבו הסה״ק שיום כפורים היינו יום כ-פורים כי ביום הכפורים רק הכהן גדול השיג הקדושה הזאת ובפורים יוכל כל איש מישראל להשיג הקדושה הזאת״.

גדול לפני ולפנים, ער איז דאך יעצט אין א מצב וואס איז דער 'היפוך' פון דער קדושה פון 'לפני ולפנים'?

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. די משנה זאגט (יומא יח:): "משביעין אנו עליך במי ששכן שמו בבית הזה שלא תשנה דבר מכל מה שאמרנו לך" - מען האט באשוואוירן דעם כהן גדול איידער ער איז אריין אין קודש הקדשים, אז ער זאל טון ווי חכמינו ז"ל האבן געהייסן, און נישט ווי די צדוקים. דאס הייסט, אז אפילו אינעם קודש הקדשים איז נאכאלץ געווען א גרויסע מלחמה, ווייל די 'קליפות' האבן שטארק געארבעט צו שטערן די עבודה. און דער כהן גדול האט קודם געדארפט ארבעטן מיט זיך אליינס, אז ער זאל זיין ריין פון 'טומאה'; ווי מען זעט אז מען האט אים אפגעשיידט זיבן טעג פאר יום הכיפורים (יומא ב.), און נאכדעם האט ער זיך געמוזט שלאגן מיט די כוחות הטומאה וועלכע האבן געוואלט פארדרייען די עבודה - אנדערש ווי חכמינו ז"ל האבן מקבל געווען. און וועגן דעם איז טאקע געווען דארט א מורא'דיגע פחד, צי ער וועט ארויסקומען לעבעדיג. און ווען ער איז ארויסגעקומען - איז טאקע די שמחה געווען גאר גרויס.

**דעריבער** האט די עבודה אין יום כיפור געמוזט זיין דוקא דורך **אזא** גרויסער מענטש ווי דער כהן גדול, און ער האט טאקע נישט געטארט טרינקען קיין וויין, ווייל וויין נעמט דאך אוועק דעם 'דעת', און 'אם אין דעת הבדלה מנין' (ירושלמי ברכות ה, ב), נו, ער האט דאך געדארפט האבן דעם כח פון 'דעת' צו קענען 'מבדיל' און 'מבחין' זיין צווישן די טומאה און קדושה, צווישן דעם דעת חכמינו ז"ל ביז דעם דעת הצדוקים, ממילא האט ער נישט געטאָרט זיין 'שתוי יין'.

**אבער** פורים איז דאך די מצוה: "עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי" - מען לייגט אוועק דעם 'דעת', און דורכדעם איז מען מען ממשיך א בחינה, אז מען זאל נישט 'דארפן' קיין 'דעת להבחין'! דורכדעם וואס מען איז מקיים דעם 'עד דלא ידע' - איז נישטא מער קיין חילוק צווישן מרדכי און המן, ווייל אלעס ווערט נכלל אין דער קדושה! פורים איז נישטא בכלל אזא מין זאך ווי 'רע'! עס איז נישטא קיין צדוקים בכלל! דער גאנצער 'רע' ווערט בטל ומבוטל! דער עמלק איז אינגאנצן אויסגעמעקט, עס איז שוין נישט געבליבן קיין

זכר פון אים! ווי דער קדושת לוי זאגט, אז די גאנצע טבע ווערט נזדכך, דאס הייסט, אז אין דער גאנצער טבע - איז נישטא קיין אנדערע מציאות ווי "ה' אחד ושמו אחד"! נו אויב אזוי, קען שוין יעדער איד אריינגיין 'לפני ולפנים'! ער דארף שוין נישט זיין **אזוי** גרויס ווי דער כהן גדול, און ער מעג שוין זיין אנגעטרינקען 'עד דלא ידע' - ער האט נישט קיין שום 'דעת להבדיל', ווייל מען **דארף** שוין נישט קיין 'הבדלה' און 'הבחנה' צווישן די קדושה מיט די פרעמדע כוחות, ווייל די אלע פרעמדע כוחות זענען אינגאנצן בטל געווארן! די לופט איז ריין! קומט אויס, אז דאס וואס דער כהן גדול האט געטון 'לפני ולפנים' - אז ער האט מבחין געווען בין טוב לרע, צווישן די חכמינו ז"ל ביז די צדוקים - טוט **אויף** יעדער איד פורים מיטן 'עד דלא ידע'.

**לאמיר** נאר גיין אביסעלע ווייטער: וואס האט דער כהן גדול אויפגעטון יום כיפור? ער האט מכפר געווען אויפן כלל ישראל! נו, אויב דער דברי יחזקאל זאגט, אז יעדער איד קומט אָן פורים צו דער מדרגה פונעם כהן גדול לפני ולפנים - איז דאך יעדער אודאי ממשיך א כפרה.

**קען** מען זאגן, אז דאס איז דער ענין וואס פורים איז נאך גרעסער ווי יום כיפור. ווייל ביי יום כיפור איז דאך דא א מחלוקת צווישן רבי און די חכמים (יומא פה:), צי דער 'עצם היום' איז מכפר אדער נישט, רבי האלט אז דער 'עצם היום' איז מכפר אפילו אָן תשובה, און די חכמים האלטן אז עס איז נאר מכפר 'לשבים'. נו, אויב פורים ווארפט מען אוועק דעם דעת, קען מען דאך נישט תשובה טון; ווי די גמרא זאגט (מגילה יז): "ומה ראו לומר תשובה אחר בינה דכתיב ולבבו יבין ושב ורפא לו" - תשובה איז נאר שייך ווען מען האט דעם בינה. און אויב זעט מען פונעם דברי יחזקאל, אז יעדער איד איז ווי דער כהן גדול און ער איז מכפר, איז דאך א ראיה, אז אפילו די חכמים וואס קריגן זיך אויף רבי לגבי יום כיפור, אבער פורים זענען זיי מודה צו רבי, אז דער 'עצם היום' איז מכפר אפילו 'לשאינן שבים'. ווייל פורים איז גרעסער ווי יום כיפור.

**און** דאס איז מקושר מיט וואס מען האט פריער גערעדט, אז יום כיפור איז נאכאלץ דא א גרויסע שליטה פון יענע כוחות, ממילא

מוז מען זיי מכניע זיין דורך די אלע עבודות פונעם כהן גדול און דורך די תשובה פונעם כלל ישראל. אבער פורים, וואס עס איז בכלל נישטא קיין ׳רע׳ אויף דער וועלט, איז דער ׳עצם היום׳ מכפר - אפילו אָן תשובה! **יעדער איד** וואס ליינט די מגילה, און איז מקיים די מצוות היום, בפרט דער ׳לבסומי׳ - קומט ער אָן צו דער מדרגה פון ׳עצם היום מכפר׳.

**קודם זיך געזארגט פאר פרעמדע אידן און ערשט נאכדעם פאר די אייגענע קינדער**

**דֹּרֵשׁ טוֹב לְעַמּוֹ וְדֹבֵר שָׁלוֹם לְכָל זַרְעוֹ.** דער תפארת שלמה (לפורים ד״ה כי מרדכי) זאגט א ווארט, אז די מגילה לאזט זיך אויס דוקא מיט דעם פסוק, כדי אונז צו פארציילן ווי ווייט מרדכי׳ס אהבת ישראל איז געגאנגען, אז ביי אים איז געווען **קודם** דער ׳דורש טוב **לעמו**׳ - זיך געזארגט פאר די טובה פונעם כלל ישראל, און נאכדעם ערשט איז געווען דער ׳דובר שלום לכל זרעו׳ - פאר זיינע אייגענע קינדער.

**דער** תפארת שלמה ברענגט דארט, אז ער האט געהערט פון רבי דוד׳ל לעלובער זצ״ל, וואס ער האט געזאגט: ״וויאזוי קען מען זאגן אויף מיר אז איך בין א צדיק הדור? איך האב דאך ליב מיינע אייגענע קינדער **מער** ווי אנדערע אידן!״. זעט מען דאך, אז די בחינה פון ליב האבן א צווייטן איד **פאר** די אייגענע קינדער, איז נישט אזוי פשוט, דאס איז דאך ממש קעגן די טבע פון ׳כרחם אב על בנים׳. און דאס איז געווען די הויכע מדרגה פון מרדכי, אז ביי אים איז געווען א צווייטער איד **מער** ווי זיין אייגן קינד.

**דער** קאלאשיצער רב זכרונו לברכה האט געזאגט: ״**אהבת ישראל איז דער טערמאָמעטער פון אהבת ה׳**!״. דער פשט איז, פון וואנעט ווייסט מען וואו מען האלט מיט אהבת ה׳? קוק אין דיין אהבת ישראל! וויפיל דו האלטסט אין אהבת ישראל - אזויפיל האלטסטו ביי אהבת ה׳! ווייל אין אהבת ה׳ קען מען זיך גוט אפנארן, מען קען זיך אליין איינרעדן: ״יא יא, איך האב ליב דעם אייבערשטן! אודאי האב איך אים ליב!״. אבער אין אהבת ישראל קען מען זיך נישט נארן, דארט קומט ארויס דער אמת, צי מען האט **באמת** ליב דעם צווייטן איד. און מען רעדט נישט דא פון ליב האבן דיין נאנטן

חבר, נאר מען רעדט פון ליב האבן דעם איד וועלכער זיצט דארט פון אונטן און עס רינט אים די נאז... וויפיל האסטו אים ליב? אזויפיל האסטו ליב דעם אייבערשטן! ווי דער רבי משה לייב סאסוב'ער האט געזאגט: "א איד וואס קען נישט אויסנאגן א מכה פאר א צווייטן איד - האט **נישט** קיין אהבת ישראל!".

**אבער** עס איז אמאל אויך פארהאן א פארקערטע טעות, אז א מענטש מיינט, אז ער קען האבן אהבת ישראל - אָן אהבת ה'. ער זינדיגט צום אייבערשטן, אבער ער האט ליב אידן. אבער עס איז א גרויסער טעות! עס קען נישט זיין אזא זאך! ווייל דיביידע זאכן גייען צוזאמען, אויב דו האסט נישט קיין אהבת ה', קען נישט זיין אז דו האסט אהבת ישראל, דו מיינסט געלט און כבוד אדער אנדערע חשבונות, אבער נישט קיין אמת'ע אהבת ישראל. און קען זיין אז דאס איז אויך נכלל אינעם ווארט פונעם קאלאשיצער רב, אז אויב האסטו **אמת'ע** אהבת ישראל - דעמאלט **מוז** זיין אז דו האסט אויך אמת'ע אהבת ה', ווייל אויב וואלסטו נישט געהאט קיין אהבת ה' - וואלסטו אויך נישט געקענט האבן קיין אמת'ע אהבת ישראל.

**מען** קען אויך צולייגן, אז 'אהבת תורה' גייט אויך צוזאמען מיט 'אהבת ישראל' און 'אהבת ה''. ווייל דער זוה"ק זאגט דאך (ח"ג עג.): "קודשא בריך הוא, אורייתא וישראל חד הוא" - עס איז אלעס איינס. ממילא, אויב א מענטש האט 'אהבת הקב"ה' און 'אהבת ישראל' - האט ער זיכער אויך 'אהבת התורה'.

**לויט** דעם קען זיין, אז צוליב דעם האט טאקע מרדכי זוכה געווען ממשיך צו זיין אזא גרויסע בחינה פון 'קבלת התורה **מאהבה**' - אפילו אויף א גרעסערע בחינה ווי ביי משה, ווייל וויבאלד ער האט געהאט אזא מין הויכע מדרגה פון 'אהבת ישראל' - אז ער האט מער ליב געהאט א פרעמדן איד ווי זיינע אייגענע קינדער - האט ער דאך אויך געהאט די הויכע מדרגה פון 'אהבת ה'' - וואס דאס גייט דאך צוזאמען, ווי דער קאלאשיצער רב זאגט - ממילא האט ער דאך אויך געהאט א מורא'דיגן כח פון 'אהבת תורה', און די אהבה האט ער אריינגעברענגט אינעם גאנצן כלל ישראל, און ממילא איז געווארן א 'הדור קבלוה מאהבה' - אז גאנץ כלל ישראל האבן מקבל געווען די תורה **מאהבה**.

## דבי מלכא בגילופין - פרפראות שהשמיע בעת משתה היין

**א דאנק המן'ען האבן מיר אזא פורים...**

**עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי.** קען זיין דער פשט, אז נאכדעם וואס מען זעט אזא לעכטיגער טאג ווי פורים, וואס דאס איז אלץ ארויסגעקומען פון המן'ען, ווען נישט המן וואלט דאך נישט געווען קיין פורים - הייבט מען שוין אָן צו טראכטן: "דער המן האט דאך דא צוגעשטעלט אזא קידוש ה'! דורך אים איז ארויסגעקומען אזא פורים!". ממילא, ווייסט מען שוין נישט דעם חילוק צווישן 'מרדכי' און המן', וויבאלד ביידע האבן דאך ארויסגעברענגט א קידוש ה', ענליך צו דאס וואס דער קדושת לוי זאגט אויף פרעה (שמות ד"ה לכה). און אויף דעם איז געזאגט געווארן דער פסוק (ירמיה טו, יט): "**אם תוציא יקר מזולל**", עס איז ארויסגעקומען אזא 'יקר' - אזא טייערע טאג פון פורים - פון אזא 'זולל', פון אזא המן הרשע.

**די** זעלבע זאך זעט מען ביי עשיו, דער פסוק זאגט: "ויאהב יצחק את עשיו". איז דאך שווער: "היתכן? איז ער דען נישט געווען קיין מבין אויף דעם עשיו'ל?". נאר וואס דען, ווען נישט עשיו וואלט נישט געווען קיין יעקב! דער יעקב איז נאר געוואקסן אזוי גרויס, ווייל ער האט געהאט דעם נסיון פון 'עשיו' און האט זיך כסדר מתגבר געווען אויף אים. קומט אויס, אז דער 'ויאהב יצחק את עשיו' איז געקומען מכח זיין גרויסע אהבה צו 'יעקב'!

**עס** איז אמאל געווען, אז די תלמידים פונעם רבי'ן ר' בער זצ"ל, זענען געקומען צו אים און אים געבעטן, אז ער זאל זען צו טון עפעס אריינצונעמען דעם ווילנער גאון צו די חסידים. האט זיי דער רבי ר' בער געענטפערט: "איך האב אנגעהויבן צו טון דעריין, איז דער בעל דבר געקומען צו מיר און געסטראשעט, אז אויב איך וועל **אים** מאכן פאר א חסיד - וועט ער מאכן די גאנצע וועלט פאר חסידים! ממילא, האב איך מיר אפגעלאזט דערפון!". לכאורה פרעגט זיך א קושיא: אויב די גאנצע וועלט וועט זיין חסידים, איז דאך גאר גוט? נאר דער פשט איז, ניין! כדי די חסידים זאלן זיין אמת'ע חסידים, מוז זיין א התנגדות, און נאר אזוי ארום קענען זיי ווערן גרויס.

**'שלום' מוז זיין מיט אן 'אמת'**

**דִּבְרֵי שָׁלוֹם וֶאֱמֶת.** די צוויי זאכן גייען צוזאמען, ווייל נישט אלעמאל טויג 'דער שלום' פאר זיך, מען טאר דאך נישט זיין בשלום מיט יעדן; ווי דער פסוק זאגט (ישעיה מח, כב): "אין שלום אמר ה' לרשעים". דערפאר מוז עס גיין צוזאמען מיטן 'אמת', אז נאר דארט ווי דער 'אמת' איז מחייב אז מען דארף זיין 'בשלום' - דארט זאל מען זיין בשלום.

**פורים האט אין זיך 'קדושת שבת'**

**"כַּיָּמִים אֲשֶׁר נָחוּ בָהֶם הַיְּהוּדִים".** פורים איז דאך געווען א בחינה פון 'קבלת התורה'; ווי די גמרא זאגט (שבת פח.): "הדור קבלוה". און 'קבלת התורה' באלאנגט דאך צום שבת; ווי די גמרא זאגט (שבת פו:): "הכל מודים בשבת ניתנה תורה". נו אויב אזוי, ווי קומט 'קבלת התורה' צו פורים? אויף דעם ענטפערט דער פסוק: "כַּיָּמִים אֲשֶׁר נָחוּ בָהֶם הַיְּהוּדִים", דאס גייט ארויף אויף שבת וועלכע ווערט אנגערופן 'יום מנוחה' - אז פורים איז אויך א בחינה פון שבת קודש.

**טרינק 'אביסל' - וועסטו קענען טרינקען 'אסאך'...**

**חייב איניש לבסומי בפוריא.** רש"י זאגט: "להשתכר ביין". לכאורה איז שווער, פארוואס כאפט די גמרא אָן אזא לשון 'לבסומי', וואס דאס איז נישט אזוי קלאר אז דאס מיינט 'שכרות', און רש"י מוז עס מפרש זיין, פארוואס זאגט נישט די גמרא ארויס קלאר 'להשתכר'?

**נאר** עס קען זיין פשט, אז אסאך מאל זאגט א מענטש: "איך בין אזא סארט מענטש וואס קען נישט טרינקען! עס איז מיר זייער שווער!". אויף דעם גיבט אים די גמרא אן **עצה:** "הייב נאר אָן צו טרינקען אביסל, נאר א שיעור פון 'לבסומי', וועט די **ביסל** קדושת היין גורם זיין אז דו וועסט שוין נישט זיין דער זעלבער מענטש! דו וועסט זיין א נייער מענטש, און דער נייער מענטש וועט שוין קענען 'להשתכר ביין' - טרינקען 'עד דלא ידע'".

### איין מינוט פון אמת'דיגע שמחה אום פורים

**רבי נטע נטיעה של שמחה** (מגילה ה:). דער **אוהב ישראל** (עניני פורים, ד"ה עוד י"ל) זאגט אז די שמחה פון פורים איז ממשיך שמחה אויף א גאנץ יאר - ער זאגט א רמז 'מרבין בשמחה', בשמח"ה באטרעפט ווי שנ"ה. מען קען אויך זאגן פארקערט: כדי אז א איד זאל זיין אמת'דיג בשמחה פורים, מוז ער א גאנץ יאר ארבעטן אויף שמחה, אפילו אויב עס איז נישט אזוי אמת'דיג. און דעמאלט קען ער זוכה זיין צו זיין **אמת'דיג בשמחה פאר איין מינוט אין פורים**, און דאס וועט אים זיין א טובה לדורי דורות.

### 'שמחה' איז ריין פארן אייבערשטן

**פורים אתקריאת על שם יום כפורים.** דער זוהר הק' זאגט (תיקו"ז נז:), אז פורים איז נאך גרעסער ווי יום כיפור. עס קען זיין פשט אזוי, ווייל יום כיפור וויינט מען און מען גיסט טרערן. נו, אויב חלילה זענען די טרערן נישט מיט קיין ערנסטקייט, ווער רעדט נאך אויב עס איז אויסגעמישט מיט עצבות חלילה - דעמאלט גיבן די טרערן א חיזוק פאר עשיו'ן; ווי דער הייליגער רבי פנחס קאריצער פרעגט (אמרי פנחס ריח), אז דער מדרש זאגט, אז אינעם שכר פון די דריי טרערן וואס עשיו האט אראפגעלאזט אויף די ברכות יצחק, זענען אידן נאכאלץ אינעם לאנגן גלות אדום. איז דאך שווער, אידן האבן דאך שוין אזויפיל טרערן פארגאסן פארן אייבערשטן, נו, פארוואס האבן אונזערע טרערן נאכנישט איבערגעוואויגן זיינע טרערן? ענטפערט ער, אז די אלע טרערן וואס מען וויינט פאר עולם הזה אדער מיט א 'פניה' - דאס אלעס זענען עשו'ס טרערן און זיי גייען צו יענע זייט ר"ל.

**דאס** איז אלעס נאר ביי טרערן, אבער ביי שמחה וואס א איד איז פרייליך - איז נישטא קיין תערובות פון עשו; ווי עס שטייט (משלי יד, י) "ובשמחתו לא יתערב זר", און ווי רש"י זאגט (במדבר כג, ט): "ובגוים לא יתחשב - כשהן שמחין אין אומה שמחין עמהם" - **די קליפה האט נישט קיין כח זיך אריינצומישן אין די אידישע שמחות!**

ווען א איד איז פריילעך - מיינט ער עס נאר ערנסט פארן בורא כל עולמים, אָן קיין שום אנדערע כונה, דארט איז נישטא קיין שום שליטה פון עשיו. ממילא, איז די שמחה פון א איד בוקע רקיעים, און ער קען זוכה זיין צו אלעם גוטן. און דעריבער איז פורים נאך גרעסער פון יום כיפור, ווייל פורים איז נישטא קיין חשש פון א תערובת פון עשו.

**אויסגעקוקט ווי דער קאפ פאלט אים אראפ...**

**רבי** איציקל (פשעווארסק) זכרונו לברכה פלעגט רעדן עפעס מורא'דיג פון די מגילה ליינען פונעם הייליגן שינאווער רב זצ"ל. ער פלעגט זאגן אזא אויסדרוק: "**אז מען האט געזען דעם שינאווער רב ליינען די מגילה, האט מען זיך גע'חידוש'ט וויאזוי דער קאפ האלט זיך אויפן קארג** (האלז)**!**". דאס הייסט, ער האט געווארפן מיטן קאפ מיט אזא מין התלהבות, אז עס האט אויסגעזען ווי דער קאפ וועט אראפפאלן...

**קיינער וויל נישט שטיין אויפן זעלבן עמוד ווי עשרת בני המן...**

**חמש מאות איש ואת פרשנדתא וכו' עשרת בני המן.** לכאורה קען מען פרעגן, פארוואס גיבט מען אפ אזויפיל כבוד פאר די עשרת בני המן, אז מען שרייבט זיי אויף אן עקסטערן עמוד פאר זיך?

נאר דער טעם איז פשוט: קיינער וויל נישט שטיין נעבן זיי...

**מחלוקות צווישן בעלז און שינאווא צי א שווער הייסט 'רעהו'...**

**אין** בעלז האט מען געשיקט משלוח מנות פאר א שווער. אין שינאווע האט מען נישט געשיקט, קען זיין ווייל עס שטייט דאך נאר 'איש לרעהו'...